„RADOMER-KIELCER LEBEN" 39 (178) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem." פּרייז 25 גראָשן

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


אדרעס
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

Redakcja i Administracja
**„Radomer Kielcer Leben"**
Redom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

**אַנאָנסען פּרייזן**
איין מילימעטער שורה: פאַר׳ן טעקסט 20 גר.
" " " אין " 40 "
" " " נאָכ׳ן " 18 "
די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 2 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

10-go października 1927 r. ◆◆ ראַדאָם מאָנטאָג י״ד תשרי תרפ״ח ◆◆ פאַר׳ן אינהאַלט פון טעקסט, אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע ניט פאַראַנטוואָרטליך



## אכטונג

**ראַדאָמער יודישע בעפעלקערונג!**

**וועלענדיג געבען א מעגליכקייט די ראַדאָמער בעפעלקערונג אנטהייל צו נעמען אין דעם יובילעאום פון די 30-יעהריגע עקזיסטענץ פון מיין פירמע, און גלייכצייטיג צו געניסען פון מיינע גוטע און שמאַקהאַפטע געריכערטע פלייש** האָבע בעשלאָסען אויף א געוויסע צייט בעדייטענד צו רעדוצירען די פּרייזען אין מיינע געשעפטען לובלינער № 1 און לובלינער № 29 לויט פאָלגענדע:

טריקענער וואורשט 10 דעקאַ — 65 גראָשען
" אויפשניט " " — 70 "
פרישען וואורשט " " — 45 "
" אויפשניט " " — 50 "
1 פּאָר פאַראַוורקעס — — — 20 "
ברוסט — — 10 דעקאַ — 90 "

אין די האָפנונג דאָס מיינע געערטע קונדשאַפט וועט מיר ווי ביז היינט אויך אויך ווייטער זייער צוטרוי שענקען און וועט מיך צאָהלרייך בעזוכען.

פערבלייבע מיט אכטונג

**ז. בערקמאַן**
ראַדאָם לובלינער № 1
פיליע לובלינער 29 "



Dr. Med. CUNG
**powróci 12-go Października**
*i przyjmie jak zwykle do 11 rano*
*i od 5 — 7 p. p.*

**ד״ר מעד. צונג**
**קומט צוריק דעם 12-טען פּאַזשדזשערניק**
די אויפנאַהמס-שעה׳ען זענען: ביז 11 אין דער פריה
און פון 5 — 7 נ. מ.



PŁYN
„JASNIEJ SŁONCA"
CZYŚCI IDEALNIE
SZYBY, LUSTRA
i WSZELKIE METALE,
NIE RYSUJĄC ICH.
SPROBUJCIE A PRZEKONACIE SIE



ZAWIADOMIENIE
Z dniem 20 PAŹDZIERNIKA zostaje otwarta **szkoła freblowska**
przy ul. **Lubelskiej № 14** w lokalu Org. „Haszomer-Hacair"
**Przyjmuje się dzieci w wieku od lat 4-ech do 7-miu.**
Zapisy odbywają się codziennie od 10 rano do 6 wieczorem
w mieszkaniu państwa FINKLER Rwańska 15.
E. FINKLERÓWNA.



בעקאַנטמאַכונג.
א פרעבעל שולע
צו בונבנעליכע פרייזען אויף לובלינער № 14 אין לאָקאַל פון די אָרג. „השומר הצעיר"
קינדער ווערען אָנגענומען אין עלטער פון 4 — 7 יאָהר
די איינשרייבונגען קומען פאָר טעגליך פון 10 פריה ביז 6 אָוונד
אין פּריוואַט וואָהנונג פון ה׳ פינקלער רוואַנסקאַ 15.



וויכטיג פאַר ראַדאָם און אומגעגענד!
אתרוגים לולבים והדסים המהודרים במקח השוה
ביי יעקב ווינגאַרט דלוגאַ 1
אין הנאַנאַ צו בעקומען ביי די פאַמיליע ווינגאַרט לובלינער 3



JASNIEJ SŁONCA
NAJLEPSZA ZAPRAWA DO PODŁOG
פרישט אָב פּאָסאַדזקעס, לינאָלעאום און פארבט אין פערלויף פון איין שעה, ווייסע פאָדלאָגעס אויף רויט אָדער טונקעל-ברוינען.



Dr. med. ZOFJA PAKOWSKA
**STOMATOLOG**
(CHIRURGJA jamy ustnej i ZĘBÓW, DENTYSTYKA)
**rozpoczyna przyjęcia chorych dnia 20 września b. r. wtorek**
Radom, ulica Marjacka 12 II piętro od 10 — 11 przed poł. i 4 — 7 popoł.

# צי דארף יעדע שטאדט זארגען פאר איהרע עולים וואס געפונען זיך אין ארץ-ישראל?

(גלייכצייטיג א ענטפער דעם ה' שמשון דוב ירושלימסקי)

בשעת מיר האבען געשריבען אונזער ארטיקל „וועגן א הילפס-אקציע פאר די ראדאמער אין ארץ-ישראל” („ראדאמער-קעלצער לעבען” נומ. 35 פון 9/9) וועלכעס האט אייגענטליך געטראגן א ריין לאקאלען כאראקטער אין אונז נישט געקומען אויפ'ן געדאנק אז אונזערע ווערטער וועלען דערגרייכען אזש ביז צו די הויכע פענסטער וואו מען וועט זיי אנב שלעכט אויסטייטשן, אזוי ווי עס האט געטהון ה' ירושלימסקי אין זיין ארטיקל „מצוה הבאה בעבירה” („ראדאמער-קעלצער לעבען” נומ. 37).

מיר האבען דאס אויבענדערמאנטע ארטיקל געשריבען אונטער דעם איינפלוס פון די בריעף, וואס קומען אן פון די היגע יודען, וואס געפונען זיך אין ארץ-ישראל און ווילען זיך מיט אלע כוחות דארט דערהאלטען, וועלכע בעטען זיך רחמים, אז מען זאל זיי אונטערשטיצען און זיי נישט לאזען פאלען ביז דער קריזיס וועט אריבער, און מען זאל פאר זיי בעשטימען א געוויסע סובסידיע פון וועלכער זיי זאלען קאנען דורכלעבען די שלעכטע צייט.

אין חילענדיג וועקען די ראדאמער יודען, אז זיי זאלען אונטערשטיצען די אקציע, וואס מען וויל אין אונזער שטאדט צו דעם צוועק אדורכפיהרען, האבען מיר דערמאנט, אז דער פלאן וועגן שטיצען די ראדאמער אין א"י איז אייגענטליך נישט קיין נייער. מען האט שוין וועגן דעם פיעל גערעדט און געפלאנט און עס האבען זיך אפילו אמאל געפונען אזעלכע, וואס האבען געהאלטען אז „אנשטאט דעם וואס יעדע שטאדט בעטייליגט זיך מיט איהרע נתינות פאר'ן קרן היסוד, זאל בעסער יעדע שטאדט אויסהאלטען איהרע עולים אין א"י און זיי שטיצען ביז זיי וועלען זיך קענען דארט איינארדנען, ווייל געבענדיג אויפ'ן קרן היסוד ווייסען מיר נישט וועלכער טייל פון די געזאמעלטע געלדער עס קומט אן קיין ארץ-ישראל. דאגעגען ווען מיר וועלען שטיצען דירעקט אונזערע שטאדטישע עולים וועלען מיר זיין זיכער, אז דאס גאנצע געלד ווערט פערווענדעט צום בעשטימטען צוועק.”

מיר האבען אבער געפונען פאר נויטיג נישט איבערצולאזען דעם איינדרוק פון די דאזיגע ווערטער און דערביי ערקלערט: „אז מען קען קיין פאלקס-אקציע נישט צושפליטערן. אז יעדע שטאדט זאל מאכען שבת פאר זיך און בעזונדער איז דאך פעדהאנגען א גרויסע צאהל חלוצים און ס'רוב עולים וועמען זייערע געבורטס-שטעדט קענען נישט אויסהאלטען, איבערהויפט האט זיך דאמאלס געצויגען א גרויסער שטראם חלוצים פון אוקראינא, וועלכע האבען געמוזט אויסגעהאלטען ווערען פון די קרן היסוד-געלדער און דאריבער האט מען געמוזט זעהען אז די אקציע זאל זיין א פאלקס-זאך אין וועלכער דאס גאנצע פאלק זאל זיך בעטייליגען און פון איהר זאלען בעקומען שטיצע די אלע, וואס נויטיגען זיך דארין”.

נאכדעם אלעם האבען מיר ערשט צוגעגעבען:

אבער טראץ דעם זענען דאמאלס ארויסגעזאגט געווארען מיינונגען, אז דאס בעטייליגען זיך אין די פאלקס-פאנדען דארף אונז נישט בעפרייען פונ'ם זארגען פאר אונזערע ראדאמער עולים.

אין דאן קומען מיר ערשט צו צום עיקר: וועגן אדורכפיהרען אין אונזער שטאדט א הילפס-אקציע פאר די ראדאמער אין ארץ-ישראל.

דאס זענען לויט אונזער מיינונג גאנץ קלארע און דייטליכע דבורים, וועלכע זענען בשום אופן נישט אויסען





| | | |
|---|---|---|
| Śniegowce damsk. z gabar. z aksamit wyłogami wysokie | Zł. | 25,— |
| „ „ „ „ „ niskie | „ | 22,— |
| „ „ z tryk. „Jersey“ z aks. w gami niskie | „ | 19,— |
| Kalosze męskie ciepłe | „ | 12,70 |
| „ damskie „ | „ | 11,30 |


דע מינעלעך. וואס האבען אויפ'ן חאונק איבערגעגעבען, אז זי איז גרייט זיי אבצודינען מיט אלעם... מיט אלעם... יעדער קנייטש און יעדער אויסדרוק אויף איהר געזיכט האט גערעדט און גערופען צו זיך, צוזאגענדיג זיך אינגאנצען איבערצוגעבען אין זייער בעזיץ...

אבער דאס אלץ האט ווייניג וואס געהאלפען. די לובלינער פינאנסען האבען זיך געהאלטען פעסט ביי זייער בעשלוס צו קאנפיסקירען אלעס און אפילו צולאזען ארעסטירען דעם ה' ב. מיט זיינע שותפים. דער פרוי ג'ס דרייפערטילדיגער ענטבלויזטער און אויסדעקאלטירטער קערפער איז געווען א שוואכער כלי-זין צו צוברעכען דעם דאזיגען בעשלוס. נאך איהרע נרויסע בעמיהונגען אין אנשטרענגונגען האט זי קוים אויסגעבעטען, אז דער עלטסטער אינספעקטאר פון די לובלינער פינאנסען זאל איינוויליגען מיט איהר אריינצוגעהן אין לעצטען סאלאן. דארט האט זיך פרוי ג. פשוט געווארפען איהם אין די ארעמס, געקושט און געהאלוט איהם. געשטופט איהם אין האנד אריין א גאנצען פאק מיט טויזענדטער קראנען. אבער יענער האט אלץ צוריקגעווארפען און ארויסגעריסען זיך פון איהרע נאקעטע הענד. דער אינספעקטאר האט ערקלערט דער פרוי ג. אז ס'זענען דא צופיעל אויגען, און, אז ער קאן גארנישט העלפען צוליב דעם, וואס מ'האט זיי גע'מסר'ט און אנגעוויזען גענוי די ערטער, וואו דער שמוגעל איז בעהאלטען.

פרוי ג. האט פון אבראטעווען די קאנפיסקירטע לעדער און פעל שוין רעזיגנירט און זי האט חאטש געוואלט וויסען, ווער ס'האט זיי גע'מסר'ט. דאס האט זיך אבער אויך נישט איינגעגעבען און זי איז ענדליך פון דארט ארויס מיט גארנישט. די שותפים, זעהענדיג, אז צו זייער גליק איז א ענדע געקומען און זיי געהען בארג-אראב האבען זיך אנגעהויבען איינאנדער צו זידלען און צו קריגען זיך. דער ראדאמער לעדער-סוחר ל. איינער פון די שותפים, האט זיך שטארק צעבייזערט און געזאגט אז דאס איז א שטראף פון גאט און, אז דאס איז מקוים געווארען די קללה פון די ארימע יודען, ביי וועמען פרוי ג. האט צוגעדויבט דאס לעצטע ביסעל בעבעכעס. פרוי ג. האט זיך דערפון געטראפען שטארק בעליידיגט און ס'וואלט זיכער אויסגעבראכען א געשלעג. אבער דא איז מיטען דערין אריינגעשפרונגען דער גאליציאנער און געמאכט אזא פראפאזיציע. אז מ'זאל זיך ווענדען צו דער מאדאם ב. אז נאך היינט ביינאכט זאל זי תיכף ומיד אוועק לויפען קיין לובלין צום איידעלען אבער-לייטענאנט און, אז מ'זאל אויסווירקען ביי די לובלינער פינאנסען

## ווי זעהט אויס די פאקטישע לאגע איום דער פראגע פון אויסצאהלען דעם ה' קעסטענבערג זיין פענסיע?

נאך פאריגע יאך, קורץ נאכדעם ווי ס'איז בעוויסט געווארען, אז ה' קעסטענבערג איז דורך דער קעלצער וואיעוואדסטווא בעשטעטיגט געווארען אלס מורה הוראה, האבען זיך אין שטאדט פערשפרייט קלאנגען אז די גמינע האט אין טריבונאל אויס-געפועל'ט א זאטשמאניע. אזוי געגען דער דרינגענדער אויסצאהלונג פון דער פענסיע, ווי אויך אבצוהאלטען דאס רע-אליזירען דעם גאנצען אקט פון דער וואיעוואדסטווא-בעשטעטיגונג ביז דער ענין וועט פריהער נישט ענטשידען ווע-רען פאר'ן היכען טריבונאל. נישט קו-קענדיג אבער אויף די פערשידענע קלאנגען און פערזיכערונגען זענען ביי-דע צדדים. אזוי די דעלעגאטען פון דער גמינע, ווי אויך ה' קעסטענבערג איזעקנעפאהרען פאריגע וואך קיין ווארשא. וואו זיי האבען פערבדענט עטליכע טעג. וואס דארט איז אויס-געטהון געווארען וועט געווען זיין אנצו-ווייזען אויפ'ן פאקט, וואס אויף א זי-צונג פון דער גמינע-פערוואלטינג צוזא-מען מיט עטליכע פארשטעהער פון ראט. עהערנעבטען, שבת-צינאכט, איז אנגענומען געווארען אויסצוצאהל'ען דעם ה' קעסטענבערג זיין פענסיע פאר דער גאנצער צייט לויט דער פארארד-נונג פון דער וואיעוואדסטווא. פון דעם איז אלזא געדרונגען, אז קיין זאטשע-מאניע האט די גמינע נישט בעקומען.

ווי מיר הערען, איז איף דער זעל-בער זיצונג ארויסגערוקט געווארען א פארשלאג, אז די דאזארעס זאלען אלס פראטעסט זיך אבגעבען אין דעמיסיע. אזוי ווי אבער א טייל דאזארעס (וועל-כע דאזארעס ווייסען מיר פארלויפיג נישט) האבען נישט מסכים געווען איז דער ענין פון דעמיסיע געווארען אויס אקטועל און די זיצונג האט דעלעגירט דעם ה' ציטרין אונטערצוהאנדלען מיט די ה"ה מענדיל און יחיאל קעסטענבערג, זיי זאלען איינשטימען צו נעמען זייערע פענסיעס אין ראטעס. ווי מען הערט זאל היינט. מאנטאג, אויב די אונטער-האנדלונגען וועלען נישט ברענגען צו קיין רעזולטאט, זאל דער מאגיסטראט צוליב דעם, וואס דער טערמין פון די 7 טעג האט זיך שוין אויסגעלאזט, אהן אכהאלט צוטרעטען איינמאהנען פון די שחיטה-הכנסה די פענסיע פאר ה' יחיאל קעסטענבערג.

עס געהען אויך קלאנגען, אז דאס מיניסטעריום האט ארויסגעפאדערט, אז די גמינע זאל זיך ארויסזאגען אויף וועלכען סמך זי האט בעשטימט דעם ה' טייסעלבוים אלס מורה הוראה. דאס מיניסטעריום זאל האבען געגעבען צייט אין משך פון 4 טעג צוצושטעלען די אלע אקטען און דאקומענטען, וואס האבען א שייכות צו דעם ענין.

## אויפפאדערונג.

מיר פאדערען אויף דעם ה' מאטיל **צמח** פון ראדאם און דעם ה' **יעקב צמח** פון ווארשא צו שטעהן מיט אונז צו א דין תורה, צו וועלכען בי"ד זיי ווילען נאר אליין. מיר זענען מזהיר דאס אין פאל, ווען זיי וועלען ווייטער וועלען אבשלעפען די דין תורה וועלען מיר געצווינגען זיין דעם גאנצען טרויריגען ענין צו פערעפענטליכען.

**האלמנה ויתומים** של המנוח **אברהם פישער.**

## למען האמת!

אין צוזאמענהאנג מיט די הכנות פון דער היגער קהלה אויפצונעמען 2 שוח-טים אין אונזער שטאט, ווענדען מיר זיך מיט פאלגענדע אפענע בקשה:

אזוי ווי אין אונזער שטאדט געפינט זיך א חסידישער יונגערמאן ר' משה נ"י ראווידזאהן, וועלכער קען גוט שחיטות ובדיקות און האט קבלה פון פיעל שובים מומחים און גדולי הדור און איז ראוי לאותו אצטלא, דעריבער ווענדען מיר זיך צו דער געערטער קהלה פערוואלטונג אין נאמען פון טוי-זענדער בעה"ב ווי אויך פון אלע היגע רביים שליט"א און איניגע רבנים שליט"א. וואס איז צו אייך אנגעגעבען געווארען, און בעוונדער די בקשה פון אלע היגע רביים שליט"א, וואס בעטען אייך, אז מען זאל ערלויבען דערוויל ר' משה דאווידזאהן צו שחט'ען עופות אהן געהאלט ובפרט די יעצטיגע צייט. וואס עס נויטינט זיך מעהר שוחטים ביי עופות. מיר האפען דאס איהר וועט אונזער בקשה נעמען אין אכט, פאר וועלכע די גאנצע יודישע בעפעלקע-רויג וועט אייך זיין דאנקבאר.

ברגשי כבוד

**מרדכי הירשבערג**

**יוסף הלוי ליבערמאן**

---

**ב"ה יום א' פ' בלק פה אפטא.**

לכבוד אלופי וראשי הקהל **דפה ראדום** ד' עליהם יהי' אחדש"הט: הננו בזה לבקש מכם ולהעיר לפניכם חד פסוקא דרחמי עבור המוכ"ז הר' משה נ"י דאוידזאהן, כאשר המוכ"ז הנ"ל ימד א"ע מלאכת השו"ב בפה והוא אומ' מופלא וגם יש לו קבלה ותעודה משובי"ם דפה וכאשר נצרך לקבל בראדום שו"ב הננו לבקש מכם לספחהו אצלכם יע, שהוא ראוי לאותו אצטלא שבפה ג"כ זבח זבחים איזה חדשים ויש קנקן חרש מלא ישן נושן ולזה אבקש מכם לעשות לו טובה זו ובטחוני חזק שדברי אלה יעשו רושם אצלכם שתעמדו אותו על נסיון לפני הבצ"ק שלכם ותראו שהצדק אתו—

ברג"י כבוד

(—) **חיים יוסף** בר"ש"ב ב"ח ח"פק

**אפטא.**


*Kino „ODEON" w Radomiu.*



Od 10 Października 1927 roku

NAPOLEON w MOSKWIE


## ניי'עס! —— ניי'עס!

אז שילער און שילערינס פון רעגירונגס-פאלקס-שולען און מיטעל-שולען זאלען ערצויגען ווערען אינ'ם גייסט פון **תורה, נביאים, העברעאישע שפראך, ליטעראטור, געשיכטע** א. ז. וו. כדי מיט דעם זיי ציצוגעבען צו דער גאלדענער קייט פון אונזער הערליכער היסטארישער פערגאנ-גענהייט און אזוי נאך נישט פערפרעמדט ווערען פון דער יודישער נאציאנא-לער אבשטאמונג. און אום צו ערמעגליכען יעדען פאטער און מיטער, אז זייערע קינדער זאלען געניסען פאר זעהר צו ביליגע פרייזען פון די אוי-בענדערמאנטע נויטווענדיגע למודים. אהן וועלכע קיין שום יודיש קינד קאן זיך נישט בעגעהן. עפען איך קורסען **העברעאישט** פאר אנפאנגער און אנגעגאנגענע, ווי אויך **פערבאל-קאמונגס-קורסען.**

די קורסען וועלען איינגעארדענט ווערען לויט בעזונדערע גרופעס איינ-געטיילט, און צופאסענדיג זיך לויט'ן קענטניס פון יעדען שילער און שילערין. אויף די קורסען וועלען געשאפען ווערען גרופעס ספעציעל פאר קינדער פון **זעקס יאהר אן**, וועלכע קענען נישט לעזען און שרייבען. אויפ'ן פערלאנג פון די יעניגע עלטערען, וועלכע ווילען, אז זייערע קינדער זאלען אויך קאנען יודיש שרייבען וועט ווערען פאר זיי, חוץ די העברעאישע למודים, אויך אינטערריכטעט ספעציעל די יודישע שפראך.

אויף די **פערפאלקאמונגס-קורסען** וועט אויך ווערען געלערענט **תלמוד, אגדות ישראל** און אנדערע וויכטיגע יודישע למודים.

די קורסען פאנגען זיך אן דעם 23-טען פאזדזשערניק. איינשרייבען קאן מען זיך טאג-טעגליך פון 6—8 אווענד אין די קאנצעלארי-יע פון די קורסען **וויטאלדא 11.**

**אנמערקונג:** 1) פאר אונפערמעגליכע שילער ווערט געגעבען בא-דייטענדע הנחות. 2) פאר די שילער און שילערינס, וועלכע לערנען זיך אין די נאך מיטאג שעה'ען אין די שולען, וועלען זיין פאר זיי מעטיג די קור-סען אין דער פריה.

**ל. מילמאן.**

## לאָטעריע געווינסען פון דער ת"ת.

ווי בעוויסט האָט די תלמוד תורה סקארישאָווער גאַס איינגעאָרדענט א לאָטעריע. די צאָהל ערלויבטע בילעטען האָט דערגרייכט 500. פון וועלכע ס'זענען פערקויפט געוואָרען 433. די ציהונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 19-טען ווזשעשיען האָט געגעבען פאָלגענדען רעזולטאַט: די געווינסען, וואָס זענען בעשטאַנען פון א גאָלדען דאַמען־זייגערל, דער זוכה בגורל איז מאָטיל היינגאַרט (סקארישאָווער 37), א זילבערנער כערווין האָט געוואונען ה' משה ריבא (לובלינער 44) און א זילבערנער פּאַר־טאַבאַק, וואָס איז ארויס אייפ'ן נאָמען פון ה' מנשה דאברעצקי (דאַנגא 5) די אַלע, וואָס האָבען זכות בגורל געהאַט האָבען די געווינסנע חפצים אויסגעלייזט מיט ענטשפּרעכענדע סומעס געלד לטובת דער ת"ת. 105-37


לאַרוסי נכדי היקרה העדינה מרת **אסתר לאַסטמאַן** עם בחירתה מר
ד"ר יחיאל ארי' **גולדשטיין** שלוחה ברכתי גדא טבא הנובעת מקרב לבי
ולהוריהם הנכבדים שיחיו.
יהי צעדם על סף דרכם החדשה מאושר ואגודתם נצח ומולם יזרח
כשמש בצהרים.
בגמח"ט
**יצחק הכהן ביאלסקי ורעיתו.**

*Kino „C O R S O" w Radomiu*

א גרויסער הערליכער פּראָגראַם אויף סכּות

# Żyd wieczny tułacz
# (דער אייביגער נעונד'ניק)

הערליך יודיש בילד

מיט'ן אנטייל פון די גרעסטע וועלט - אַרטיסטען



# קויפט אלע אויף סוכות
## זיסען וויין
# „כּרמל"

## MAGISTRAT MIASTA RADOMIA
niniejszym ogłasza
**Konkurs na dostawę mleka**
do przytułków, ochron miejskich i stacji opieki nad matką i dzieckiem w ilości 250 litrów dziennie.
**Oferty należy składać do dnia 10 października 1927 r.** w Wydziale Opieki Społecznej, gdzie również będą udzielane wszelkie informacje.

LEKARZ DENTYSTA
## E. OKNOWSKI
leczenie zębów oraz jamy ustnej
wraz z Laboratorjum zębów sztucznych
pod kierownictwem technika dentystycznego
z kwalifikacjami zagranicznymi
Ceny nader przystępne i dogodne warunki
**KIELCE, Kapitalna 11** m. 16 parter.

## Gabinet Elektroleczniczy
w Kielcach, ul. Wesoła 45 parter.
Lampa Kwarcowa, Lampa Sollux, Diatermja, lampa Żandekera, całkowita kąpiel elektryczna, częściowe kąpiele elektryczne, Aparat spatateri, Aparat „Kapiterm", Elektromotor do masażór i wibracji, pantostat, kąpiele czterokomorowe, Diarsonnalizacja i inne.

**KINO „C Z A R Y" w KIELCACH.**
**Dziś!** Wielka sensacyjna premjera. **Dziś!**
w której Wszyscy muszą zobaczyć pięknego
**RAMONA NOVARRO** w roli apasza
## NA PARYSKIM BRUKU
Film z życia apaszów i mętów paryskich.

## בעקאַנטמאַכונג.
די לאַנג עקזיסטירענדע פירמע **נתן זיגמאַן**, ראדאָם לובלינער 5
מאכט בעקאַנט, דאָס ער האָט ערהאַלטען צום הערבסט סעזאָהן
פּערשידענע בעסטע שטאָפען, מענער און דאַמען
איף אנצוגען, פּאַלטאָס, קאָסטיומען, זיידענס, פּלושען,
לייווענט אויף וועש, ווי אויך פוטער צו פּעלצען
ביליגע פּרייזען! — גוטע בעדינגונגען! — קומט און איבערצייגט אייך!
מיט אכטונג **נתן זיגמאַן**, ראדאָם לובלינער 5.

## BANK RZEMIEŚLNICZY w Radomiu
Lubelska 31.
**מאכט בעקאַנט אז עס ווערען אָנגענומען אַלערליי**
**געלד-אָפּעראַציעס, אינקאַסאָס אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך**
**און די אײַנגעלאַפּענע געלדער ווערען אויסגעצאָהלט**
**פּינקטליך דעם זעלבען טאָג.**


אין טיפען טרויער מעלדען מיר וועגען טויט פון אונזער אינפערגעסליכער
פרוי און מוטער און געטרייער
# ב"ע הענסע קאַפּלאַן
פון צו הויזע (ריכטמאַן)
וועלכע איז אוועק צו אייביגער רוה דעם 4/10 ה. י.
און צו קבורה געקומען אין ראַדאָם ציו"פ ה. י.
גלייכצייטיג דאנקען מיר אלע אנטיילנעמער אין דער לויה.
# מאַן און קינדער.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה'
## שלמה קאַפּלאַן מיט זיין פאַמיליע
צוליב'ן פריהצייטיגען טוידט פון זייער יונג-פערשטאָרבענער
פרוי און מוטער
# הענסע ב"ע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
## אברהם מענטליק און פרוי.

איבערן טויט פון פרוי
# הענסע קאַפּלאַן
דריק איך אויס מיין מיטגעפיהל
## דער פאַמיליע קאַפּלאַן
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
## יוסף בלאַס

ערשיטערט פון טויט פון אייער טרייער און אינפערגעסליכער
## פרוי און מוטער
דריק איך אויס מיין מיטגעפיהל דער פאַמיליע **קאַפּלאַן** ראדאָם
זייט געטריסט!
## ישעיהו אייגער.

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska 20.